פרשת מטות מסעי, כ"ו תמוז תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......8:12
מוצאי שבת......9:42

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# א מעשה פון תפלה

### ברסלב'ע קאנטרי [מיידל קעמפ]

פרייטיג צונאכט'ס פרשת פנחס איז געווען גאר א שווערע רעגן צוזאמען מיט ווינטן, וואס דאס האט פאראורזאכט א קורץ שלוס אין די גאנצע קאנטרי, גלייך האבן אלע משפחות אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז די עלעקטאר זאל זיך צוריק אנצינדן מען זאל נישט דארפן זיין אין די טונקל, אזוי אויך זאל עס נישט פאראורזאכן א גרויסע שאדן פון אסאך עסן וואס קען גיין קאליע, שכח אייבערשטער אז נאך אפאר לאנגע מינוטן האט זיך עס צוריק אנגעצינדן.

### הילל ווייס

פאר צוויי וואכן צוריק האט די עלעקטאר אין מיידל קעמפ געהאלטן און איין קראכן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טוהן דא עס זאל נישט פאסירן נאכאמאל און נאכאמאל, שכח אייבערשטער אז איינער האט מיר געגעבן א עצה וויאזוי עס צו פאררעכטן, מען האט געדארפט פאררעכטן א געוויסע זאך ביי די פענל באקס, מען האט עס פарראכטן און ברוך השם מער האט די עלעקטאר נישט געקראכט.

### אברהם יושע וועבערמאן

איך האב געפארקט מיין קאר אין די זייט פון די ראוד נישט באמערקענדיג אז דארט איז זייער טיף אריין די ראוד, איך האב מיך געטראפן אזוי הענגן אין די לופט, איך האב געפילט ווי די קאר הייבט זיך אן איבערדרייען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ראטעווען דא אין מיין צרה, שכח אייבערשטער עס איז געשען א נס די קאר האב זיך צוריק געשטעלט אין פלאץ, איך האב מיך ארויס דערזעהן פון דארט אן קיין שום שאדן בגוף ובממון, שכח אייבערשטער!

# נייעס אין שטעטל

### צוויי נייעס באסעס פאר די קינדער

קוים געענדיגט מיט אפקויפן א פראכטיגע בנין התלמוד תורה - מיידל שולע, הערט מען שוין אז די הנהלת המוסדות איז שוין גלייך געגאנגען צו די קומענדיגע וויכטיגע געברויכן וואס פעלט זיך אויס פאר די קינדער - אונזער עתיד.

יעצט קומט אריין די נייעס אז נאכ'ן זוכן א ווײַלע פאר צוויי נייע באסעס האט מען ברוך השם געטראפן צוויי גוטע באסעס פאר גאר א גוטע פרייז, וואס דאס וועט מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף דינען פאר די געברויך פון די תלמוד תורה און מיידל סקול.

בשם אלע משפחות פון שטעטל טוהן מיר זיך שטארק באדאנקן פאר זלמן לייב זילבער הי"ו פאר'ן מנדב זיין איינע פון די נייע באסעס, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס, די גרויסע זכות זאל אים ביישטיין.

די ערשטע תושבים פון שטעטל וועלן קענען פארציילן: אונז געדענקן נאך ווען די קינדער זענען געפארן לערנען יעדן טאג מיט קארס און ווענס פון די געטרייע איינוואוינער וואס האבן עס אוועק געגעבן מיט גאנצ'ן הארץ.

### שבת פייפער

א שבת פייפער אין שטעטל? יא אזוי ווי איר הערט, מען שלאפט קיין מינוט נישט, יעדן טאג זיצט מען און מען זיכט ווי מען קען אהער שטעלן דעם רבינ'ס הייליגע שטעטל מיט אלע געברויכן וואס פעלט זיך נאר אויס פאר א ברסלב'ע אידישע ישוב.

דער שטעטל איז צושפרייט אויף אפאר סקווער מייל, ווייל די מטרה פון די שטעטל איז דאך אז יעדער זאל לעבן פאר זיך, זיין פארנומען מיט די אייגענע ווייב און קינדער, און נישט אז יעדער זאל וואוינען אין די זעלבע האלבע מייל, פאר דעם צוועק האט מען טאקע געקויפט גאר א גרויסער און שטארקע פייפער וואס וועט קענען ווערן געהערט ביי אלע עקן פונעם שטעטל.

אין די טעג ווערט נאך אויסגעארבעט די דעטאלן ווי מען זאל אינסטאלירן די פייפער כדי אלע איינוואוינער זאלן עס קענען גוט הערן ווען עס פייפט, אזוי אויך ארבעט מען אויס מיט די אינסטאנצן פון די טאון זיי זאלן געבן די פערמיטן פאר דעם, מען האפט ווי שנעלער צו קענען מעלדן אז די פייפער איז שוין אין באניץ, עס פעלט זיך נאך אויס אביסל תפלות מען זאל עס טאקע קענען ניצן ווי שנעלער על צד היותר טוב, און אוודאי ווארטן אונז שוין אלע צו הערן די פייף פונעם שופר של משיח וואס וועט זיין גאר בקרוב בימינו.

# סימן טוב מזל טוב

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**מיכל ראזענפעלד נ"י וזוגתו אסתר תחי'**
צו די געבורט פון זיין אינגל בעבי חיים זאנוויל נ"י למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון די און פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

מזל טוב!

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

## פארברענגען מיט די ווייב אויף א כשר'ע אופן

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת קרח, כ"ח סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה אז דו ביסט זיך מחזק מיט די בריוו וואס איך שרייב דיר; וויסן זאלסטו, אז לכבוד דעם וואס דו האסט מיר געשריבן אז דו ביסט זיך מחי' מיט די בריוו יעדן טאג, און דאס איז דיין חיזוק אנצוגיין אין לעבן, האב איך די וואך ווייטער געשריבן פאר מיינע תלמידים.

בנוגע וואס דו פרעגסט צי גאר קליינע קינדער מעגן זיין אין סווימינג פאל ווען פרויען שווימען; עס איז נישט קיין צניעות אפילו פאר קינדער צו זיין אין א סווימינג פאל ווען פרויען שווימען, און אפילו ווען דאס קינד איז נאך גאר קליין, געבט מען אויך אכטונג אויף דעם.

בנוגע צי דו זאלסט מיט גיין מיט דיין ווייב שאפינג אין גוי'שע געשעפטן וכו'; איך וואלט דיר ג'עצה'ט אז דו זאלסט בלייבן זיצן אין שטוב. א אינגערמאן האט נישט וואס צו גיין אין גוי'שע געשעפטן וכו', דיין ווייב וויל דאך איינקויפן פאר איר קליידער; נו, וואס דארפסטו זיך דרייען צווישן קליידער פון פרויען? וואס זוכסטו זיך צרות? לאז איר גיין מיט איר שוועסטער אדער איר פרענד, און לאז איבער די ווייבערישע זאכן פאר די ווייבער, **שטופ נישט אריין דיין נאז וואו דו דארפסט נישט.**

אז דו ווילסט, קענסטו גיין מאכן א שבת ארדער צוזאמען, אדער גיי קויף איין מיט איר מעבל; אבער נישט אין גוי'שע געשעפטן וואס דארט איז די פריצות זייער שטארק.

מען דארף אסאך בעטן פאר זיך אויף יראת שמים, און אויף ערליכע קינדער; מענטשן מיינען אז געלט איז דער עיקר. מען איז מקנא א ברודער, א שוועסטער, א שוואגער - וואס האבן געלט און האבן א גרויסע דירה וכדומה, אבער דאס איז נישט דער לעבן, נאר **דער לעבן איז ערליכע אידישע דורות**, קינדער וואס פירן זיך מיט יראת שמים, און קינדער וואס האבן א געפיל צו צדיקי אמת, דאס איז דער עיקר.

נעכטן איז געווען א חתונה אין ישיבה, די חתן כלה האבן געלערנט אין ישיבה און אין סקול. זאגט מיר איינער פון די משפחה: "אלע האבן מיר געלט, אלע האבן מיר וואס מיר דארפן, אבער נחת און ערליכע אידישע דורות - דאס האט דער מחותן, ווייל ער האט אמונת חכמים, ער גלייבט און פאלגט דעם הייליגן רבי'ן, נישט קיין חילוק צו עס איז גרינג אדער שווער".

איך האב הנאה געהאט צו הערן אזעלכע ווערטער פון א משפחה מיטגליד, ווייל ווען מען קוקט פון אינדרויסן, קען זיך דאכטן כאילו דער ערליכער איד איז דער פארשעמטער, און די אנדערע וואס לויפן נאך געלט זייער גאנצער לעבן, זיי האבן דעם לעבן. אבער ר' נתן ז"ל האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נחמן טולטשינער ז"ל: **"עס איז נישט דא וועמען צו מקנא זיין, אויב מקנא זיין, דארף מען מקנא זיין אן ערליכער איד, און אויב ביסטו דער ערליכער איד - זאגט ער פאר ר' נחמן טולטשינער - בין איך דיך מקנא".**

א ערליכער איד קוקט אויף זיך, א ערליכער איד לעבט מיטן אייבערשטן, און א ערליכער איד פארציילט פארן אייבערשטן יעדע זאך וואס באדערט אים. אויב איינער זאגט אים עפעס וואס טוט אים וויי, פארציילט ער עס פארן אייבערשטן; אויב איינער טשעפעט אים, זאגט ער דאס פארן אייבערשטן, און ווי מער מען רודפ'ט אים, אלץ מער אנטלויפט ער צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב' סימן יג): "כְּשֶׁחוֹלְקִין עַל הָאָדָם, נִמְצָא שֶׁרוֹדְפִין אוֹתוֹ, וְהוּא בּוֹרֵחַ בְּכָל פַּעַם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָל מַה שֶּׁחוֹלְקִין עָלָיו יוֹתֵר, מְקָרְבִין אוֹתוֹ יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווען מען רודפ'ט אן ערליכער איד, שטופט מען אים אלץ מער און מער צום אייבערשטן, ווייל ער פארציילט אלעס פארן אייבערשטן.

**זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.**

* * *

## נישט שפירן דערווייטערט

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת בהעלותך, י"ב סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבסט מיר אז איך זאל דיר צוריק שרייבן אפאר ווערטער, ווייל דו שפירסט זיך דערווייטערט פון מיר וכו'; **איך פארשטיי נישט פארוואס דו שפירסט זיך דערווייטערט**, דו שרייבסט מיר אז דו ביסט זיך מחי' מיט די שיעורים וואס מען לערנט אין ישיבה - סיי דעם דף גמרא און סיי די שיעורי התחזקות; וואס איז שייך צו זיין נענטער?

גלייב מיר, מען קען זיין אין ישיבה - און מען איז זייער ווייט, און דאס זעלבע פארקערט - מען קען זיין בריחוק מקום, אבער דאס הארץ פלאמט. מען איז אויף; מען לעבט, און מען איז זיך מחי' מיט נאך א דיבור פון רבי'ן, מיט נאך א שטיק שכל פון מוהרא"ש ז"ל. דערפאר בעט איך דיר זייער, טייערע ... **איך האב דיר זייער ליב איך טראכט אסאך פון דיר און דיין משפחה**; דער אייבערשטער האט געמאכט מיט דיר אזאלכע גרויסע ניסים - דו האסט א טייערע ווייב, לעכטיגע קינדער, און פרנסה פעלט דיר אויך נישט, און דו האסט שוין ב"ה אן אייגענע הויז.

יעצט זאלסטו אויפבויען דיין הויז אין 'גן עדן'; **בוי דיר א בית נצחי - אן אייביגע הויז.** מוהרא"ש ז"ל זאגט אז אויב מען לערנט יעדן טאג א דף ב'בלי, א דף י'רושלמי, און א פרק ת'וספתא, וואס דאס איז ראשי תיבות בי"ת - בויעט מען זיך אן אייביגער הויז.

ר' נתן ז"ל האט אמאל געוואלט ארויסברענגען פאר זיינס א תלמיד וואס עס הייסט אן אייביגע וועלט, האט ער געגעבן אזא משל: "ווען מען זאל אנפילן די גאנצע וועלט מיט ווייצלעך - פון די ערד ביזן הימל, און א פייגל וואלט געגעסן איין ווייצעל יעדעס יאר, וואלט זיך דאס אמאל געענדיגט?" האט יענער האט געענטפערט: "ניין, ווייל ווי אזוי איז מעגליך אז דאס זאל זיך אמאל ענדיגן?!" האט ר' נתן געזאגט: "עס וועט טאקע נעמען זייער אסאך יאר, אבער איינמאל גייט זיך דאס ענדיגן, אבער דאס וואס מען לערנט, און די מצוות ומעשים טובים וואס מען כאפט אריין, דאס בלייבט לנצח נצחים - אויף אייביג".

דערפאר, שטארק דיר, און זיי מממשיך צו לערנען יעדן טאג בלעטער גמרא; וואויל איז דיר אז אפילו דו ארבעטסט א גאנצן טאג, און דו ביסט פארנומען וכו' וכו', דאך אנטלויפסטו יעדן טאג צו די הייליגע תורה.

עס איז כדאי אויב דו קענסט אריין קומען צום מאנטאג נאכט שיעור, ווי איך חזר איבער דאס וואס מיר האבן געהערט אלע יארן פון מוהרא"ש ז"ל; עס פרישט אויף דעם מענטש צו תורה תפילה און שלום בית.

**נאכאמאל, שפיר דיך נישט ווייט פון מיר; דו ביסט מיר איינגעקריצט טיף אין מיין הארץ.**



ביים מאכן די ברכה אויפ'ן עירוב



ביים באזוכן אין תלמוד תורה